## Verse Text - (RUT 1:1-RUT 4:22)

| | | |
|---|---|---|
| RUT 1:1 און עס איז געווען אין די טעג וואָס די שופֿטים האָבן געהערשט, איז געווען אַ הונגער אין לאַנד. און אַ מאַן איז געגאַנגען פֿון בֵית-לֶחֶם-יהוּדה זיך אויפֿצוהאַלטן אין פֿעלד פֿון מוֹאָבֿ, ער מיט זײַן ווײַב און זײַנע צוויי זין. edit | RUT 1:1 un es iz geven in di teg vos di Shaphatim hoben gehersht, iz geven a hunger in land. un a man iz gegangen fun Beit-Lechem-Yehudah zich oiftsuhalten in feld fun Moav, er mit zain vaib un zaine tsvei zin. | RUT 1:1 Now it came to pass in the yamim when HaShofetim ***(the Judges)*** ruled, that there was a ra'av ***(famine)*** in the land. And a certain ish ***(man)*** of Beit-Lechem Yehudah went to sojourn in the sadei Moav, he, and his isha ***(wife)*** , and his two banim ***(sons)*** . |
| RUT 1:2 און דער נאָמען פֿון דעם מאַן איז געווען אֱלִימֶלֶך, און דער נאָמען פֿון זײַן ווײַב נָעמי, און דער נאָמען פֿון זײַנע צוויי זין מַחלוֹן און כִּליוֹן – אֶפֿרָתער פֿון בֵית-לֶחֶם-יהוּדה. און זיי זײַנען געקומען אין פֿעלד פֿון מוֹאָבֿ, און זײַנען דאָרטן געווען. edit | RUT 1:2 un der nomen fun dem man iz geven Elimelech, un der nomen fun zain vaib Naomi, un der nomen fun zaine tsvei zin Machlon un Kilyon – efroter fun Beit-Lechem-Yehudah. un zei zainen gekumen in feld fun Moav, un zainen dorten geven. | RUT 1:2 And the shem ***(name)*** of the ish ***(man)*** was Elimelech, and the shem ***(name)*** of his isha ***(wife)*** Naomi, and the shem of his two banim Machlon and Kilyon, Ephrathites of Beit-Lechem Yehudah. And they came into the sadei Moav, and continued there. |
| RUT 1:3 איז געשטאָרבן אֱלִימֶלֶך, נָעמיס מאַן, און זי איז איבערגעבליבן, מיט אירע צוויי זין. edit | RUT 1:3 iz geshtorben Elimelech, Naomis man, un zi iz ibergebliben, mit ire tsvei zin. | RUT 1:3 And Elimelech, Naomi's husband, died; and she was left ***(alive)*** and her two banim. |
| RUT 1:4 און זיי האָבן גענומען מוֹאָבֿער ווײַבער: דער נאָמען פֿון איינער איז געווען עָרפָּה און דער נאָמען פֿון דער | RUT 1:4 un zei hoben genumen moover vaiber: der nomen fun einer iz geven Orpah un der nomen fun der tsveiter Rute. un zei zainen dorten gezesen arum Tzoan yor. | RUT 1:4 And they took them wives of the nashim ***(women)*** of Moav; the shem ***(name)*** of the one was Orpah, and the shem ***(name)*** of the other Ruth: and they dwelled there about eser |

| | | |
|---|---|---|
| צווייטער רוּת. און זיי זײַנען דאָרטן געזעסן אַרום צען יאָר. edit | | shanim ***(ten years)*** . |
| RUT 1:5 און זיי בײדע, מַחלוֹן און כִּליוֹן, זײַנען געשטאָרבן, און די פֿרוי איז געבליבן פֿאַרלענדט פֿון אירע ביידע קינדער און איר מאַן. edit | RUT 1:5 un zei beide, Machlon un Kilyon, zainen geshtorben, un di froi iz gebliben farlendt fun ire beide kinder un ir man. | RUT 1:5 And Machlon and Kilyon died also both of them; and the isha was left ***(alive)*** , surviving with neither her yeladim nor her ish. |
| RUT 1:6 און זי איז אויפֿגעשטאַנען מיט אירע גאולה, און האָט זיך אומגעקערט פֿון פֿעלד פֿון מוֹאָבֿ, וואָרום זי האָט געהערט אין פֿעלד פֿון מוֹאָבֿ אַז ה׳ האָט געדאַכט אָן זײַן פֿאָלק, זיי צו געבן ברויט. edit | RUT 1:6 un zi iz oifgeshtanen mit ire geule, un hot zich umgekert fun feld fun Moav, vorem zi hot gehert in feld fun Moav az Hashem hot gedacht on zain folk, zei tsu geben broit. | RUT 1:6 Then she arose with her kallot, that she might make teshuvah ***(return)*** from the sadei Moav: for in the sadeh of Moav she had heard how that HASHEM had visited His people in giving them lechem ***(bread)*** . |
| RUT 1:7 און זי איז אַרויס פֿון דעם אָרט וואָס זי איז דאָרטן געווען, און אירע ביידע שניר מיט איר, און זיי זײַנען געגאַנגען אין וועג, כּדי זיך אומצוקערן צום לאַנד יהוּדה. edit | RUT 1:7 un zi iz arois fun dem ort vos zi iz dorten geven, un ire beide Senir mit ir, un zei zainen gegangen in veg, kedei zich umtsukeren tsum land Yehudah. | RUT 1:7 Wherefore she went forth out of the place where she was, and her two kallot with her; and they set on the derech ***(way, road)*** to make teshuvah ***(return)*** unto Eretz Yehudah. |
| RUT 1:8 האָט נָעמי געזאָגט צו אירע ביידע שניר: גייט קערט אײַך אום איטלעכע צו איר מוטערס הויז. און זאָל ה׳ טאָן מיט אײַך חֶסֶד אַזוי ווי איר | RUT 1:8 hot Naomi gezogt tsu ire beide Senir: geit kert ich um itleche tsu ir muters hoiz. un zol Hashem ton mit ich chesed azoi vi ir hot geton mit di geshtorbene un mit mir. | RUT 1:8 And Naomi said unto her two kallot, Go, go back each to her beis em ***(mother's house)*** : may HASHEM show chesed ***(lovingkindness)*** to you, as ye have dealt with hamesim ***(the dead ones)*** , and with me. |

| | | |
|---|---|---|
| האָט געטאָן מיט די געשטאָרבענע און מיט מיר. edit | | |
| RUT 1:9 זאָל אײַך ה׳ געבן איר זאָלט געפֿינען מנוחה איטלעכע אין הויז פֿון איר מאַן. און זי האָט זיי געקושט; און זיי האָבן אויפֿגעהויבן זייער קָול און האָבן געוויינט. edit | RUT 1:9 zol ich Hashem geben ir zolt gefinen menuche itleche in hoiz fun ir man. un zi hot zei gekusht; un zei hoben oifgehoiben zeyer kol un hoben geveint. | RUT 1:9 HASHEM grant you that ye may find menuchah ***(resting place)*** , each of you in the bais of her ish. Then she kissed them; and they lifted up their voice, and wept. |
| RUT 1:10 און זיי האָבן צו איר געזאָגט: ניין, נײַערט מיר וועלן מיט דיר זיך אומקערן צו דײַן פֿאָלק. edit | RUT 1:10 un zei hoben tsu ir gezogt: nain, naiert mir velen mit dir zich umkeren tsu dain folk. | RUT 1:10 And they said unto her, Surely we will make teshuvah ***(return)*** with thee unto thy people. |
| RUT 1:11 האָט נָעמי געזאָגט: קערט אײַך אום, טעכטער מײַנע, צו וואָס זאָלט איר גיין מיט מיר? האָב איך דען נאָך זין אין מײַן לײַב, אַז זיי זאָלן אײַך ווערן פֿאַר מאַנען? edit | RUT 1:11 hot Naomi gezogt: kert ich um, techter maine, tsu vos zolt ir gein mit mir? hob ich den noch zin in main laib, az zei zolen ich veren far manen? | RUT 1:11 And Naomi said, Turn back, my banot; why will ye go with me? Are there yet any more banim in my womb, that they may be your husbands? |
| RUT 1:12 קערט אײַך אום, טעכטער מײַנע, גייט, וואָרום איך בין צו אַלט צו האָבן אַ מאַן; לאָמיך שוין זאָגן, איך האָב אַ האָפֿענונג, איך זאָל נאָך די נאַכט האָבן אַ מאַן, און זאָל אויך געבערן זין, edit | RUT 1:12 kert ich um, techter maine, geit, vorem ich bin tsu alt tsu hoben a man; lomich shoin zogen, ich hob a hofenung, ich zol noch di nacht hoben a man, un zol oich geberen zin, | RUT 1:12 Turn back, my banot, go your way; for I am too old to have an ish. If I should say, I have tikvah, if I should have an ish halailah ***(tonight)*** , and should also bear banim, |

| | | |
|---|---|---|
| RUT 1:13 וועט איר דען אויף זיי אויסקוקן ביז זיי וועלן גרויס ווערן? וועט איר צוליב זיי בלײַבן זיצן נישט צו נעמען קיין מאַן? ניין, טעכטער מײַנע! וואָרום מיר איז פֿיל ביטערער פֿון אײַך, ווײַל ה׳ס האַנט איז אויסגעגאַנגען אויף מיר. edit | RUT 1:13 vet ir den oif zei oiskuken biz zei velen grois veren? vet ir tsulib zei blaiben zitsen nisht tsu nemen kein man? nain, techter maine! vorem mir iz fil biterer fun ich, vail Hashem's hant iz oisgegangen oif mir. | RUT 1:13 Would ye tarry for them till they were grown? Would ye stay from having ba'alim ***(husbands)*** for them? Nay, my banot; for it is more mar ***(bitter)*** for me than you, for the Yad HASHEM has gone out against me. |
| RUT 1:14 האָבן זיי אויפֿגעהויבן זייער קָול און האָבן ווידער געוויינט. און עָרפָּה האָט זיך צעקושט מיט איר שוויגער, אָבער רוּת האָט זיך באַהעפֿט אָן איר. edit | RUT 1:14 hoben zei oifgehoiben zeyer kol un hoben vider geveint. un Orpah hot zich tsekusht mit ir shviger, ober Rute hot zich baheft on ir. | RUT 1:14 And they lifted up their voice, and wept again; and Orpah kissed her chamot; but Ruth clung unto her. |
| RUT 1:15 האָט זי געזאָגט: זע, דײַן שוועגערין האָט זיך אומגעקערט צו איר פֿאָלק און צו איר ג-ט; קער זיך אום נאָך דײַן שוועגערין. edit | RUT 1:15 hot zi gezogt: ze, dain shvegerin hot zich umgekert tsu ir folk un tsu ir G-t; ker zich um noch dain shvegerin. | RUT 1:15 And she said, Hinei, thy sister-in-law is gone back unto her people, and unto her g-ds; return thou after thy sister-in-law. |
| RUT 1:16 האָט רוּת געזאָגט: זאָלסט מיך נישט בעטן דיך צו פֿאַרלאָזן, זיך אומצוקערן פֿון הינטער דיר, וואָרום וווּהין דו וועסט גיין, וועל איך גיין, און ווּו דו וועסט נעכטיקן, וועל איך נעכטיקן; דײַן פֿאָלק איז מײַן פֿאָלק, און דײַן ג-ט איז | RUT 1:16 hot Rute gezogt: zolst mich nisht beten dich tsu farlozen, zich umtsukeren fun hinter dir, vorem vuhin du vest gein, vel ich gein, un vu du vest nechtiken, vel ich nechtiken; dain folk iz main folk, un dain G-t iz main G-t. | RUT 1:16 And Ruth said, Entreat me not to leave thee, or to return from following after thee; for whither thou goest, I will go; and where thou lodgest, I will lodge; thy people shall be my people, and thy G-d shall be Elohai; |

| | | |
|---|---|---|
| מייַן ג-ט. edit | | |
| RUT 1:17 ווו דו וועסט שטאַרבן, וועל איך שטאַרבן, און דאָרטן וועל איך באַגראָבן ווערן. זאָל מיר ה׳ טאָן אַזוי און נאָך מער! נאָר דער טויט וועט פֿונאַנדערשיידן צווישן מיר און צווישן דיר. edit | RUT 1:17 vu du vest shtarben, vel ich shtarben, un dorten vel ich bagroben veren. zol mir Hashem ton azoi un noch mer! nor der toit vet funandersheiden tsvishen mir un tsvishen dir. | RUT 1:17 Where thou diest, will I die, and there will I be buried. HASHEM do so to me, and more also, if anything but HaMavet part thee and me. |
| RUT 1:18 און זי האָט געזען, אַז זי האַלט זיך פֿעסט צו גיין מיט איר, און זי האָט אויפֿגעהערט זי אָפּצורעדן. edit | RUT 1:18 un zi hot gezen, az zi halt zich fest tsu gein mit ir, un zi hot oifgehert zi optsureden. | RUT 1:18 When she saw that she was steadfastly minded to go with her, then she left urging her. |
| RUT 1:19 און זיי זייַנען ביידע געגאַנגען ביז זיי זייַנען געקומען קיין בֵית-לֶחֶם. און עס איז געווען, ווי זיי זייַנען אָנגעקומען קיין בֵית-לֶחֶם, אַזוי האָט די גאַנצע שטאָט געטומלט מיט זיי, און די ווייַבער האָבן געזאָגט: איז דאָס נָעמִי? edit | RUT 1:19 un zei zainen beide gegangen biz zei zainen gekumen kein Beit-Lechem. un es iz geven, vi zei zainen ongekumen kein Beit-Lechem, azoi hot di gantse shtot getumlt mit zei, un di vaiber hoben gezogt: iz dos Naomi? | RUT 1:19 So they two went until they came to Beit-Lechem. And it came to pass, when they were come to Beit-Lechem, that kol ha'ir ***(all the town)*** was moved about them, and they said, Is this Naomi? |
| RUT 1:20 האָט זי צו זיי געזאָגט: איר זאָלט מיך נישט רופֿן נָעמִי, רופֿט מיך מָרָא, וואָרום (אֵל) שַדַי האָט מיר זייער פֿאַרביטערט. edit | RUT 1:20 hot zi tsu zei gezogt: ir zolt mich nisht rufen Naomi, ruft mich Mara, vorem (El) Shaddai hot mir zeyer farbitert. | RUT 1:20 And she said unto them, Call me not Naomi, call me Mara; for Shaddai hath dealt very bitterly with me. |

| | | |
|---|---|---|
| RUT 1:21 אַ פֿולע בין איך אַרויסגעגאַנגען, און ליידיק האָט מיך ה׳ אומגעקערט. נאָך וואָס רופֿט איר מיך נָעמי, אַז ה׳ איז מײַן קלעגער געוואָרן, און (אֵל) שַדַי האָט מיר שלעכטס געטאָן. edit | RUT 1:21 a fule bin ich aroisgegangen, un leidik hot mich Hashem umgekert. noch vos ruft ir mich Naomi, az Hashem iz main kleger gevoren, un (El) Shaddai hot mir shlechts geton. | RUT 1:21 I went away full and HASHEM hath brought me back empty; why then call me Naomi, seeing HASHEM hath testified against me, and Shaddai hath made me very bitter? |
| RUT 1:22 אַזוי האָט זיך אומגעקערט נָעמי, און איר שנור רות די מוֹאָבֿערין מיט איר, די וואָס האָט זיך אומגעקערט פֿון דעם פֿעלד פֿון מוֹאָבֿ. און זיי זײַנען אָנגעקומען אין בֵית-לֶחֶם אין אָנהייב גערשטנשניט. edit | RUT 1:22 azoi hot zich umgekert Naomi, un ir shnur Rute di mooverin mit ir, di vos hot zich umgekert fun dem feld fun Moav. un zei zainen ongekumen in Beit-Lechem in onheib gershtnshnit. | RUT 1:22 So Naomi returned, and Ruth the Moabitess, her kallah, with her, which returned out of the sadei Moav; and they came to Beit-Lechem in the beginning of katzir seorim ***(barley harvest)*** . |
| RUT 2:1 און נָעמי האָט געהאַט איר מאַנס אַ קרובֿ, אַ ווילפֿאַרמעגלעכן מאַן פֿון אֱלִימֶלֶכס משפחה, וואָס זײַן נאָמען איז געווען בוֹעַז. edit | RUT 2:1 un Naomi hot gehat ir mans a korev, a voilfarmeglechen man fun Elimelechs mishpoche, vos zain nomen iz geven Boaz. | RUT 2:1 And Naomi had a relative of her husband’s, an ish gibbor chayil, of the mishpochah of Elimelech; and shmo was Boaz. |
| RUT 2:2 און רות די מוֹאָבֿערין האָט געזאָגט צו נָעמין: לאָמיך גיין, איך בעט דיך, אין פֿעלד, און איך וועל אויפֿקלײַבן זאַנגען הינטער דעם וואָס איך וועל געפֿינען חֵן אין זײַנע אויגן. האָט זי געזאָגט צו איר: | RUT 2:2 un Rute di mooverin hot gezogt tsu Naomien: lomich gein, ich bet dich, in feld, un ich vel oifklaiben zangen hinter dem vos ich vel gefinen chein in zaine oigen. hot zi gezogt tsu ir: gei, main tochter. | RUT 2:2 And Ruth the Moabitess said unto Naomi, Let me now go to the sadeh, and glean heads of grain after him in whose sight I shall find chen ***(grace, favor)*** . And she said unto her, Go, my daughter. |

| | | |
|---|---|---|
| גיי, מײַן טאָכטער. edit | | |
| RUT 2:3 איז זי אַוועק, און איז געקומען און האָט געקליבן אין פֿעלד הינטער די שניטערס, און אויף איר טראַף האָט זיך געטראָפֿן דאָס שטיק פֿעלד פֿון בועזן וואָס פֿון אֶלימֶלֶכס משפּחה. edit | RUT 2:3 iz zi avek, un iz gekumen un hot gekliben in feld hinter di shniters, un oif ir traf hot zich getrofen dos shtik feld fun Boazen vos fun Elimelechs mishpoche. | RUT 2:3 And she went, and came, and gleaned in the sadeh behind the kotzerim ***(harvesters)*** ; and it so happened that she came on a part of the sadeh belonging unto Boaz, who was of the mishpochah of Elimelech. |
| RUT 2:4 ערשט בועַז איז אָנגעקומען פֿון בֵית-לֶחֶם, און האָט געזאָגט צו די שניטערס: ה׳ מיט אײַך! און זיי האָבן צו אים געזאָגט: בענטשן זאָל דיך ה׳! edit | RUT 2:4 ersht Boaz iz ongekumen fun Beit-Lechem, un hot gezogt tsu di shniters: Hashem mit ich! un zei hoben tsu im gezogt: bentshen zol dich Hashem! | RUT 2:4 And, hinei, Boaz came from Beit-Lechem, and said unto the kotzerim, HASHEM be with you. And they answered him, Yevarech'chah Adonoi ***(*** HASHEM ***bless thee)*** . |
| RUT 2:5 האָט בועַז געזאָגט צו זײַן יונג וואָס איז געשטאַנען איבער די שניטערס: וועמעס איז די דאָזיקע יונגע פֿרוי? edit | RUT 2:5 hot Boaz gezogt tsu zain yung vos iz geshtanen iber di shniters: vemes iz di dozike yunge froi? | RUT 2:5 Then said Boaz unto his servant that was set over the kotzerim, Whose na'arah is this? |
| RUT 2:6 האָט געענטפֿערט דער יונג וואָס איז געשטאַנען איבער די שניטערס, און האָט געזאָגט: דאָס איז אַ יונגע פֿרוי אַ מואָבֿערין, וואָס האָט זיך אומגעקערט מיט נָעמין פֿון דעם פֿעלד פֿון מואָבֿ; edit | RUT 2:6 hot geentfert der yung vos iz geshtanen iber di shniters, un hot gezogt: dos iz a yunge froi a mooverin, vos hot zich umgekert mit Naomien fun dem feld fun Moav; | RUT 2:6 And the servant that was set over the kotzerim answered and said, It is the na'arah from Moav that came back with Naomi out of the sadeh of Moav. |
| RUT 2:7 און זי האָט געזאָגט: | RUT 2:7 un zi hot gezogt: lomich | RUT 2:7 And she said, I pray you, |

| | | |
|---|---|---|
| לאָמיך קלײַבן, איך בעט דיך, און אויפֿזאַמלען צווישן די גאַרבן הינטער די שניטערס; און זי איז געקומען און איז געשטאַנען פֿון זינט פֿרימאָרגן אַזש ביז אַצונד; דאָס בלײַבן אירס אין דער היים איז בלויז געווען אַ ווײַלע. edit | klaiben, ich bet dich, un oifzamlen tsvishen di garben hinter di shniters; un zi iz gekumen un iz geshtanen fun zint frimorgen azh biz atsund; dos blaiben irs in der heim iz bloiz geven a vaile. | let me glean and gather after the kotzerim among the omarim ***(sheaves)*** ; so she came, and hath worked steadily from the boker even until now, except for a short rest in the bais. |
| RUT 2:8 האָט בוֹעַז געזאָגט צו רותן: פֿאַר וואָר, דו הערסט, מײַן טאָכטער? זאָלסט נישט גיין קלײַבן אין אַן אַנדער פֿעלד, און זאָלסט אויך נישט אַוועקגיין פֿון דאַנען; נאָר דאָ זאָלסטו זיך האַלטן מיט מײַנע מיידלעך. edit | RUT 2:8 hot Boaz gezogt tsu Ruthen: far vor, du herst, main tochter? zolst nisht gein klaiben in an ander feld, un zolst oich nisht avekgein fun danen; nor do zolstu zich halten mit maine meidlech. | RUT 2:8 Then said Boaz unto Ruth, Hearest thou not, my daughter? Go not to glean in another sadeh, neither go from hence, but abide here close by my ne'arot; |
| RUT 2:9 דײַנע אויגן זאָלן זײַן אויף דעם פֿעלד וואָס זיי שנײַדן, און זאָלסט גיין הינטער זיי. פֿאַר וואָר, איך האָב באַפֿוילן די יונגען, דיך נישט אָנצורירן; און אַז דיר וועט דאָרשטן, זאָלסטו גיין צו די כּלים, און טרינקען פֿון וואַנען די יונגען שעפּן. edit | RUT 2:9 daine oigen zolen zain oif dem feld vos zei shnaiden, un zolst gein hinter zei. far vor, ich hob bafoilen di yungen, dich nisht ontsuriren; un az dir vet dorshten, zolstu gein tsu di keilim, un trinken fun vanen di yungen Shaaphen. | RUT 2:9 Let thine eyes be on the sadeh that they do reap, and go thou after them; have I not charged the ne'arim that they shall not touch thee? And when thou art athirst, go unto the kelim ***(vessels)*** , and drink of that which the ne'arim have drawn. |
| RUT 2:10 איז זי געפֿאַלן אויף איר פּנים, און האָט זיך געבוקט צו | RUT 2:10 iz zi gefalen oif ir ponem, un hot zich gebukt tsu der erd, | RUT 2:10 Then she fell on her face, and bowed herself to the |

| | | |
|---|---|---|
| דער ערד, און האָט צו אים געזאָגט: פֿאַר וואָס האָב איך געפֿונען חֵן אין דײַנע אויגן, מיך צו דערקענען, אַז איך בין אַ פֿרעמדע? edit | un hot tsu im gezogt: far vos hob ich gefunen chein in daine oigen, mich tsu derkenen, az ich bin a fremde? | ground, and said unto him, Why have I found chen ***(favor, grace)*** in thine eyes, that thou shouldest take knowledge of me, seeing I am a nokhriyah ***(foreigner, alien)*** ? |
| RUT 2:11 האָט בוֹעַז געענטפֿערט און האָט צו איר געזאָגט: דערציילן איז מיר דערציילט געוואָרן אַלץ וואָס דו האָסט געטאָן מיט דײַן שוויגער נאָך דײַן מאַנס טויט, און אַז דו האָסט פֿאַרלאָזן דײַן פֿאָטער און דײַן מוטער, און דאָס לאַנד פֿון דײַן געבאָרנשאַפֿט, און ביסט געגאַנגען צו אַ פֿאָלק וואָס דו האָסט נישט געקענט פֿון נעכטן-אײיערנעכטן. edit | RUT 2:11 hot Boaz geentfert un hot tsu ir gezogt: dertseilen iz mir dertseilt gevoren alts vos du host geton mit dain shviger noch dain mans toit, un az du host farlozen dain foter un dain muter, un dos land fun dain gebornshaft, un bist gegangen tsu a folk vos du host nisht gekent fun nechten-eyernechten. | RUT 2:11 And Boaz answered and said unto her, It hath fully been shown me, all that thou hast done unto thy chamot since the mot ***(death)*** of thine ish; and how thou hast left thy av and thy em, and the eretz moledet, and art come unto an Am ***(people)*** which thou knewest not heretofore. |
| RUT 2:12 זאָל ג-ט באַצאָלן דײַן טוּונג, און דײַן שׂכר זאָל זײַן פֿאַרפֿול פֿון ה׳ דעם אלוקי יִשׂרָאֵל, וואָס דו ביסט געקומען זיך באַשיצן אונטער זײַנע פֿליגלען. edit | RUT 2:12 zol G-t batsolen dain tuung, un dain Sachar zol zain farful fun Hashem dem Elochei Yisroel, vos du bist gekumen zich bashitsen unter zaine fliglen. | RUT 2:12 HASHEM recompense thy work, and a full reward be given thee of HASHEM Elohei Yisroel, under Whose wings thou art come to seek refuge. |
| RUT 2:13 האָט זי געזאָגט: לאָמיך געפֿינען חֵן אין דײַנע אויגן, מײַן האַר! ווײַל דו האָסט מיך געטרייסט, און ווײַל דו האָסט | RUT 2:13 hot zi gezogt: lomich gefinen chein in daine oigen, main Har! vail du host mich getreist, un vail du host geredt tsum hartsen fun dain dinst, un | RUT 2:13 Then she said, Let me find chen ***(favor, grace)*** in thy sight, adoni; for that thou hast brought nachamah ***(comfort)*** to me, and for that thou hast |

| | | |
|---|---|---|
| גערעדט צום האַרצן פֿון דײַן דינסט, און איך בין צו מאָל נישט ווי איינע פֿון דײַנע דינסטן. edit | ich bin tsu mol nisht vi eine fun daine dinsten. | spoken to the lev of thine shifcha, though I be not like unto one of thine shfakhot. |
| RUT 2:14 האָט בועַז צו איר געזאָגט: אין דער צײַט פֿון עסן, גענען אַהער, און וועסט עסן פֿון דעם ברויט, און וועסט אײַנטונקען דײַן ביסן אין זויערס. און זי איז געזעסן בײַ דער זײַט פֿון די שניטערס, און מע האָט איר דערלאַנגט געברענטע זאַנגען, און זי האָט געגעסן און איז זאַט געוואָרן, און האָט נאָך איבערגעלאָזן. edit | RUT 2:14 hot Boaz tsu ir gezogt: in der tsait fun esen, genen aher, un vest esen fun dem broit, un vest intunken dain bisen in zoiers. un zi iz gezesen bai der zeit fun di shniters, un me hot ir derlangt gebrente zangen, un zi hot gegesen un iz zat gevoren, un hot noch ibergelozen. | RUT 2:14 And Boaz said unto her, At et haokhel ***(mealtime)*** come thou hither, and eat of the lechem, and dip thy morsel in the chometz. And she sat beside the kotzerim; and he offered her roasted grain, and she did eat, and was filled, and had left over. |
| RUT 2:15 און ווי זי איז אויפֿגעשטאַנען צו קלײַבן, האָט בועַז באַפֿוילן זײַנע יונגען, אַזוי צו זאָגן: אויך צווישן די גאַרבן זאָל זי קלײַבן, און איר זאָלט זי נישט פֿאַרשעמען. edit | RUT 2:15 un vi zi iz oifgeshtanen tsu klaiben, hot Boaz bafoilen zaine yungen, azoi tsu zogen: oich tsvishen di garben zol zi klaiben, un ir zolt zi nisht farshemen. | RUT 2:15 And when she was risen up to glean, Boaz commanded his ne'arim, saying, Let her glean even among the omarim, and reproach her not; |
| RUT 2:16 און אויך אַרויסציען פֿון די בינטלעך זאָלט איר פֿאַר איר אַרויסציען, און איבערלאָזן, אַז זי זאָל | RUT 2:16 un oich aroistsien fun di bintlech zolt ir far ir aroistsien, un iberlozen, az zi zol oifklaiben; un ir zolt nisht onshraien oif ir. | RUT 2:16 And let fall also some of the handfuls on purpose for her, and leave them, that she may glean them, and rebuke her not. |

| | | |
|---|---|---|
| אויפֿקלײַבן; און איר זאָלט נישט אָנשרײַען אויף איר. edit | | |
| RUT 2:17 און זי האָט געקליבן אין פֿעלד ביזן אָוונט, און זי האָט אויסגעקלאַפּט וואָס זי האָט אָנגעקליבן, און עס איז געווען אַרום אַן אֵיפֿה גערשטן. edit | RUT 2:17 un zi hot gekliben in feld bizen ovent, un zi hot oisgeklapt vos zi hot ongekliben, un es iz geven arum an eife gershten. | RUT 2:17 So she gleaned in the sadeh until the erev, and she threshed what she had gleaned; and it was about an ephah of seorim. |
| RUT 2:18 און זי האָט עס גענומען און איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטאָט. און איר שוויגער האָט געזען וואָס זי האָט אָנגעקליבן, אויך האָט זי אַרויסגענומען און איר געגעבן וואָס זי האָט איבערגעלאָזן נאָך איר זעט. edit | RUT 2:18 un zi hot es genumen un iz araingegangen in shtot. un ir shviger hot gezen vos zi hot ongekliben, oich hot zi aroisgenumen un ir gegeben vos zi hot ibergelozen noch ir zet. | RUT 2:18 And she took it up, and went into the town; and her chamot saw what she had gleaned; and she brought forth, and gave to her the left over after she had been filled. |
| RUT 2:19 האָט איר שוויגער צו איר געזאָגט: ווּ האָסטו געקליבן הײַנט, און ווּ האָסטו געאַרבעט? געבענטשט זאָל זײַן דער וואָס האָט זיך אומגעקוקט אויף דיר! האָט זי דערציילט איר שוויגער בײַ וועמען זי האָט געאַרבעט, און זי האָט געזאָגט: דער נאָמען פֿון דעם מאַן וואָס איך האָב בײַ אים הײַנט געאַרבעט, איז בוֹעַז. edit | RUT 2:19 hot ir shviger tsu ir gezogt: vu hostu gekliben haint, un vu hostu gearbet? gebentsht zol zain der vos hot zich umgekukt oif dir! hot zi dertseilt ir shviger bai vemen zi hot gearbet, un zi hot gezogt: der nomen fun dem man vos ich hob bai im haint gearbet, iz Boaz. | RUT 2:19 And her chamot said unto her, Where hast thou gleaned hayom ***(today)*** ? And where did you work? Baruch be he who did take knowledge of thee. And she showed her chamot with whom she had worked, and said, Shem HaIsh with whom I worked hayom ***(today)*** is Boaz. |

 

| | | |
|---|---|---|
| RUT 2:20 האָט נָעמי געזאָגט צו איר שנור: געבענטשט זאָל ער זיַין פֿון ה׳, וואָס האָט נישט פֿאַרלאָזן זיַין חֶסֶד מיט די לעבעדיקע און מיט די טויטע! און נָעמי האָט צו איר געזאָגט: דער מאַן איז אונדזערער אַ נאָנטער, ער איז פֿון אונדזערע אויסלייזער. edit | RUT 2:20 hot Naomi gezogt tsu ir shnur: gebentsht zol er zain fun Hashem, vos hot nisht farlozen zain chesed mit di lebedike un mit di toite! un Naomi hot tsu ir gezogt: der man iz undzerer a nonter, er iz fun undzere oisleizer. | RUT 2:20 And Naomi said unto her kallah, Baruch hu l' HASHEM asher lo azav chasdo et haChayyim v'et haMesim ***(Blessed be he of*** HASHEM ***who hath not abandoned his chesed to the living and to the dead)*** . And Naomi said unto her, The man is karov unto us. MiGoaleinu hu ***(he is one of our kinsmen redeemers)*** . |
| RUT 2:21 האָט רוּת די מוֹאָבֿערין געזאָגט: ער האָט מיר אויך אָנגעזאָגט: לעבן די יונגען וואָס ביַי מיר זאָלסטו זיך האַלטן, ביז וואַנען זיי ווען ענדיקן דעם גאַנצן שניט וואָס ביַי מיר. edit | RUT 2:21 hot Rute di mooverin gezogt: er hot mir oich ongezogt: leben di yungen vos bai mir zolstu zich halten, biz vanen zei velen endiken dem gantsen shnit vos bai mir. | RUT 2:21 And Ruth the Moabitess said, He said unto me also, Thou shalt keep close by my ne'arim, until they have ended kol HaKatzir that is mine. |
| RUT 2:22 האָט נָעמי געזאָגט צו רוּת איר שנור: עס איז גוט, מיַין טאָכטער, אַז דו זאָלסט אַרויסגיין מיט זיַינע מיידלעך, און מע זאָל דיך נישט אָנטרעפֿן אין אַן אַנדער פֿעלד. edit | RUT 2:22 hot Naomi gezogt tsu Rute ir shnur: es iz gut, main tochter, az du zolst aroisgein mit zaine meidlech, un me zol dich nisht ontrefen in an ander feld. | RUT 2:22 And Naomi said unto Ruth her kallah, It is tov, my daughter, that thou go out with his ne'arot, because in someone else’s sadeh you might be harmed. |
| RUT 2:23 און זי האָט זיך געהאַלטן אָן בוֹעַזעס מיידלעך, צו קליַיבן ביז צום סוף פֿון גערשטנשניט און ווייצשניט. און זי איז | RUT 2:23 un zi hot zich gehalten on boeazes meidlech, tsu klaiben biz tsum sof fun gershtnshnit un veitsshnit. un zi iz gezesen bai ir shviger. | RUT 2:23 So she kept close by the ne'arot of Boaz to glean unto the end of katzir haseorim and of katzir chittim; and dwelt with her chamot. |

| | | |
|---|---|---|
| געזעסן בײַ איר שוויגער. edit | | |
| RUT 3:1 און נָעמי איר שוויגער האָט צו איר געזאָגט: מײַן טאָכטער, זאָל איך דיר נישט אויפֿזוכן אַן אָפּרו וואָס זאָל גוט זײַן פֿאַר דיר? edit | RUT 3:1 un Naomi ir shviger hot tsu ir gezogt: main tochter, zol ich dir nisht oifzuchen an opru vos zol gut zain far dir? | RUT 3:1 Then Naomi her chamot said unto her, My daughter, shall I not seek manoach ***(a resting place)*** for thee, that it may be well with thee? |
| RUT 3:2 און אַצונד, איז נישט בוֹעַז אונדזערער אַ קרובֿ – דער וואָס דו ביסט געווען מיט זײַנע מיידלעך? אָט ווינטשופֿלט ער די נאַכט דעם שײַער גערשטן. edit | RUT 3:2 un atsund, iz nisht Boaz undzerer a korev – der vos du bist geven mit zaine meidlech? ot vintshuflt er di nacht dem shaier gershten. | RUT 3:2 And now is not Boaz our relative, with whose ne'arot thou wast? Hinei, he winnoweth haseorim halailah in the threshing floor. |
| RUT 3:3 זאָלסטו זיך אַרומוואַשן און באַזאַלבן, און אָנטאָן אויף דיר דײַנע קליידער, און אַראָפּנידערן צום שײַער; זאָלסט זיך נישט לאָזן מערקן פֿון דעם מאַן, ביז ער האָט געענדיקט עסן און טרינקען. edit | RUT 3:3 zolstu zich arumvashen un bazalben, un onton oif dir daine kleider, un aropnideren tsum shaier; zolst zich nisht lozen merken fun dem man, biz er hot geendikt esen un trinken. | RUT 3:3 Wash thyself therefore, and anoint thee, and put thy raiment upon thee, and get thee down to the threshing floor; but make not thyself known unto the Ish, until he shall have done eating and drinking. |
| RUT 3:4 און עס וועט זײַן ווי ער וועט זיך לייגן, אַזוי זאָלסטו מערקן דעם אָרט וואָס ער וועט זיך דאָרטן לייגן, און זאָלסט צוקומען און אָפּדעקן זײַן צופֿוסן, און זיך אַוועקלייגן; און ער וועט דיר זאָגן וואָס דו | RUT 3:4 un es vet zain vi er vet zich leigen, azoi zolstu merken dem ort vos er vet zich dorten leigen, un zolst tsukumen un opdeken zain tsufusen, un zich avekleigen; un er vet dir zogen vos du zolst ton. | RUT 3:4 And it shall be, when he lieth down, that thou shalt mark the makom ***(place)*** where he shall lie, and thou shalt go in, and uncover his feet, and lay thee down; and he will tell thee what thou shalt do. |

| | | |
|---|---|---|
| זאָלסט טאָן. edit | | |
| RUT 3:5 האָט זי צו איר געזאָגט: אַלץ וואָס דו זאָגסט מיר וועל איך טאָן. edit | RUT 3:5 hot zi tsu ir gezogt: alts vos du zogstu mir vel ich ton. | RUT 3:5 And she said unto her, Kol that thou sayest unto me I will do. |
| RUT 3:6 און זי האָט אַראָפּגענידערט צום שײַער, און האָט געטאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס איר שוויגער האָט איר געהייסן. edit | RUT 3:6 un zi hot aropgenidert tsum shaier, un hot geton azoi vi alts vos ir shviger hot ir geheisen. | RUT 3:6 And she went down unto the threshing floor, and did according to kol that her chamot bade her. |
| RUT 3:7 און בוֹעַז האָט געגעסן און געטרונקען, און זײַן האַרץ איז געווען פֿריילעך, און ער איז געגאַנגען זיך לייגן אין עק פֿון דעם תּבֿואה-הויפֿן. איז זי צוגעקומען שטילערהייט, און האָט אָפּגעדעקט זײַן צופֿוסן, און האָט זיך געלייגט. edit | RUT 3:7 un Boaz hot gegesen un getrunken, un zain harts iz geven freilech, un er iz gegangen zich leigen in ek fun dem tvuh-hoifen. iz zi tsugekumen shtilerheit, un hot opgedekt zain tsufusen, un hot zich geleigt. | RUT 3:7 And when Boaz had eaten and drunk, and his lev was merry, he went to lie down at the end of the heap of grain; and she came softly, and uncovered his feet, and laid her down. |
| RUT 3:8 און עס איז געווען אין האַלבע נאַכט, האָט דער מאַן אויפֿגעציטערט, און ער האָט זיך אויסגעדרייט, ערשט אַ פֿרוי ליגט אים צו פֿוסן. edit | RUT 3:8 un es iz geven in halbe nacht, hot der man oifgetsitert, un er hot zich oisgedreit, ersht a froi ligt im tsu fusen. | RUT 3:8 And it came to pass in the middle of the night, that the man was afraid, and turned himself; and, hinei, an isha lay at his feet! |
| RUT 3:9 האָט ער געזאָגט: ווער ביסטו? האָט זי געזאָגט: איך בין רות דײַן דינסט; און זאָלסט אויסשפּרייטן דײַן | RUT 3:9 hot er gezogt: ver bistu? hot zi gezogt: ich bin Rute dain dinst; un zolst oisshpreiten dain breg kleid iber dain dinst, vorem an oisleizer bistu. | RUT 3:9 And he said, Who art thou? And she answered, I am Ruth thine handmaid; spread therefore thy robe over thine amah ***(handmaid)*** ; for thou art |

| | | |
|---|---|---|
| ברעג קלייד איבער דייַן דינסט, וואָרום אַן אויסלייזער {גּוֹאֵל} ביסטו. edit | | a Go'el ***(Redeemer)*** . |
| RUT 3:10 האָט ער געזאָגט: געבענטשט זאָלסטו זייַן פֿון ה׳, מייַן טאָכטער; דייַן לעצטע גוטסקייט האָסטו נאָך שענער געטאָן פֿון דער ערשטער, נישט צו גיין נאָך די בחורים, צי אָרים צי רייַך. edit | RUT 3:10 hot er gezogt: gebentsht zolstu zain fun Hashem, main tochter; dain letste gutskeit hostu noch shener geton fun der ershter, nisht tsu gein noch di Bachurim, tsi orim tsi raich. | RUT 3:10 And he said, Berukhah at la HASHEM , my daughter; for thou hast showed more chesed in the latter end than at the beginning, inasmuch as thou followedst not the bochurim, whether poor or rich. |
| RUT 3:11 און אַצונד, מייַן טאָכטער, זאָלסטו נישט מורא האָבן; אַלץ וואָס דו וועסט זאָגן, וועל איך דיר טאָן, וואָרום דער גאַנצער טויער פֿון מייַן פֿאָלק ווייס אַז דו ביסט אַ ווילע פֿרוי. edit | RUT 3:11 un atsund, main tochter, zolstu nisht moire hoben; alts vos du vest zogen, vel ich dir ton, vorem der gantser toier fun main folk veis az du bist a voile froi. | RUT 3:11 And now, my daughter, fear not; I will do to thee all that thou requirest; for kol sha'ar ami doth have da'as that thou art an aishes chayil ***(virtuous woman)*** . |
| RUT 3:12 און אַצונד, יאָ אמת, אַז אַן אויסלייזער {גּוֹאֵל} בין איך, אָבער פֿאַראַן אַן אויסלייזער {גּוֹאֵל}נענטער פֿון מיר . edit | RUT 3:12 un atsund, yo emes, az an oisleizer bin ich, ober faran an oisleizernenter fun mir . | RUT 3:12 And now it is true that I am thy Go'el; howbeit there is a Go'el karov mimeini ***(Redeemer nearer than I)*** . |
| RUT 3:13 בלייַב די נאַכט, און עס וועט זייַן אין דער פֿרי, אויב ער וועט דיך אויסלייזן, איז גוט, זאָל ער אויסלייזן; אויב אָבער ער וועט דיך נישט ווען | RUT 3:13 blaib di nacht, un es vet zain in der peire, oib er vet dich oisleizen, iz gut, zol er oisleizen; oib ober er vet dich nisht velen oisleizen, vel ich dich oisleizen, azoi vi Hashem lebt! lig biz in der peire. | RUT 3:13 Tarry this night, and it shall be in the boker, that if he will perform unto thee the part of a Go'el, well; let him do the Go'el's part; let him redeem you. But if he will not do the part of a Go'el to thee, then will |

| | | |
|---|---|---|
| אויסלייזן, וועל איך דיך אויסלייזן, אַזוי ווי ה׳ לעבט! ליג ביז אין דער פֿרי. edit | | I do the part of a Go'el to thee, as HASHEM liveth. Lie down until HaBoker. |
| RUT 3:14 איז זי געלעגן בײַ אים צו פֿוסן ביז באַגינען, און זי איז אויפֿגעשטאַנען אײדער אײנער האָט געקענט דערקענען דעם אַנדערן; וואָרום ער האָט געזאָגט: עס זאָל נישט דערוווּסט ווערן אַז די פֿרוי איז געקומען אין שײַער. edit | RUT 3:14 iz zi gelegen bai im tsu fusen biz baginen, un zi iz oifgeshtanen eider einer hot gekent derkenen dem anderen; vorem er hot gezogt: es zol nisht dervust veren az di froi iz gekumen in shaier. | RUT 3:14 And she lay at his feet until HaBoker; and she rose up before one could know another. And he said, Let it not be known that an isha came into the threshing floor. |
| RUT 3:15 און ער האָט געזאָגט: גיב אַהער דאָס טוך וואָס אויף דיר, און האַלט עס צו. האָט זי עס צוגעהאַלטן, און ער האָט אַרײַנגעמאָסטן זעקס מאָס גערשטן, און אַרויפֿגעטאָן אויף איר. און ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטאָט. edit | RUT 3:15 un er hot gezogt: gib aher dos tuch vos oif dir, un halt es tsu. hot zi es tsugehalten, un er hot araingemosten zeks mos gershten, un aroifgeton oif ir. un er iz araingegangen in shtot. | RUT 3:15 Also he said, Bring the mitpachat ***(shawl)*** that thou hast upon thee, and hold it. And when she held it, he measured six measures of seorim ***(barley)*** and laid it on her; and she went into the town. |
| RUT 3:16 און זי איז געקומען צו איר שוויגער, האָט זי געזאָגט: ווי איז דאָס מיט דיר, מײַן טאָכטער? האָט זי איר דערציילט אַלץ וואָס דער מאַן האָט צו איר געטאָן. edit | RUT 3:16 un zi iz gekumen tsu ir shviger, hot zi gezogt: vi iz dos mit dir, main tochter? hot zi ir dertseilt alts vos der man hot tsu ir geton. | RUT 3:16 And when she came to her chamot, she said, Who art thou, my daughter? And she told her all that HaIsh had done to her. |
| RUT 3:17 און זי האָט געזאָגט: די | RUT 3:17 un zi hot gezogt: di zeks mos gershten hot er mir | RUT 3:17 And she said, These six measures of seorim gave he me; |

| | | |
|---|---|---|
| זעקס מאָס גערשטן האָט ער מיר געגעבן, ווייַל ער האָט צו מיר געזאָגט: זאָלסט נישט קומען מיט ליידיקן צו דייַן שוויגער. edit | gegeben, vail er hot tsu mir gezogt: zolst nisht kumen mit leidiken tsu dain shviger. | for he said to me, Go not empty-handed unto thy chamot ***(mother-in-law)*** . |
| RUT 3:18 האָט זי געזאָגט: זיץ, מייַן טאָכטער, ביז וואַנען וועסט וויסן ווי די זאַך וועט אויספֿאַלן, וואָרום דער מאַן וועט נישט רוען, ביז ער האָט געענדיקט די זאַך הייַנט. edit | RUT 3:18 hot zi gezogt: zits, main tochter, biz vanen vest visen vi di zach vet oisfalen, vorem der man vet nisht ruen, biz er hot geendikt di zach haint. | RUT 3:18 Then said she, Wait, my daughter, until thou know how the matter will fall; for HaIsh will not rest until the matter is settled HaYom. |
| RUT 4:1 און בֹּעַז איז אַרויפֿגעגאַנגען צום טויער, און האָט זיך דאָרטן געזעצט, ערשט דער אויסלייזער {גּוֹאֵל} פֿון וועמען בֹּעַז האָט גערעדט, גייט פֿאַרבייַ. האָט ער געזאָגט: קום אַהער זעץ זיך דאָ, דער און דער. איז ער צוגעקומען און האָט זיך געזעצט. edit | RUT 4:1 un Boaz iz aroifgegangen tsum toier, un hot zich dorten gezetst, ersht der oisleizer fun vemen Boaz hot geredt, geit farbai. hot er gezogt: kum aher zets zich do, der un der. iz er tsugekumen un hot zich gezetst. | RUT 4:1 Then went Boaz up to the sha'ar, and sat him down there; and, hinei, the Go'el of whom Boaz spoke came by; unto whom he said, Ho, such a one! Turn aside, sit down here. And he turned aside, and sat down. |
| RUT 4:2 און ער האָט גענומען צען מענטשן פֿון די עלטסטע פֿון שטאָט, און ער האָט געזאָגט: זעצט אייַך דאָ. און זיי האָבן זיך געזעצט. edit | RUT 4:2 un er hot genumen Tzoan mentshen fun di eltste fun shtot, un er hot gezogt: zetst ich do. un zei hoben zich gezetst. | RUT 4:2 And he took a minyan of the zekenim of the town, and said, Sit ye down here. And they sat down. |

| | | |
|---|---|---|
| RUT 4:3 האָט ער געזאָגט צום אויסלייזער {גֹּואֵל}: נָעמי וואָס האָט זיך אומגעקערט פֿון פֿעלד פֿון מוֹאָבֿ, פֿאַרקויפֿט דאָס שטיק פֿעלד וואָס האָט געהערט צו אונדזער ברודער, צו אֱלִימֶלֶכן. edit | RUT 4:3 hot er gezogt tsum oisleizer: Naomi vos hot zich umgekert fun feld fun Moav, farkoift dos shtik feld vos hot gehert tsu undzer bruder, tsu Elimelechen. | RUT 4:3 And he said unto the Go'el, Naomi, that is come again out of the sadeh of Moav, selleth a share of sadeh, which was achinu ***(our brother)*** Elimelech’s; |
| RUT 4:4 האָב איך געקלערט: איך וועל אַנטפּלעקן דײַן אויער, אַזוי צו זאָגן: קויף עס אַנטקעגן פֿאַר די וואָס זיצן דאָ, און אַנטקעגן פֿאַר די עלטסטע פֿון מײַן פֿאָלק. אויב דו ווילסט אויסלייזן, לייז אויס! אויב אָבער מע וועט נישט אויסלייזן, זאָג מיר, כּדי איך זאָל עס וויסן, וואָרום נישטאָ קיינער אַחוץ דיר אויסצולייזן, און איך בין נאָך דיר. האָט ער געזאָגט: איך וועל אויסלייזן. edit | RUT 4:4 hob ich geklert: ich vel antpleken dain oier, azoi tsu zogen: koif es antkegen far di vos zitsen do, un antkegen far di eltste fun main folk. oib du vilst oisleizen, leiz ois! oib ober me vet nisht oisleizen, zog mir, kedei ich zol es visen, vorem nishto keiner achuts dir oistsuleizen, un ich bin noch dir. hot er gezogt: ich vel oisleizen. | RUT 4:4 And I thought to advise thee, saying, Buy it before the inhabitants, and before the zekenim of my people. If thou wilt redeem it, redeem it; but if thou wilt not redeem it, then tell me, that I may know; for there is none to redeem it beside thee; and I am after thee. And he said, I will redeem it. |
| RUT 4:5 האָט בוֹעַז געזאָגט: אין דעם טאָג וואָס דו קויפֿסט דאָס פֿעלד פֿון נָעמיס האַנט, און פֿון רוּת דער מוֹאָבֿערין, האָסטו געקויפֿט די ווײַב פֿון דעם געשטאָרבענעם, כּדי | RUT 4:5 hot Boaz gezogt: in dem tog vos du koifst dos feld fun Naomis hant, un fun Rute der mooverin, hostu gekoift di vaib fun dem geshtorbenem, kedei oiftsushtelen dem nomen fun dem geshtorbenem oif zain nachle. | RUT 4:5 Then said Boaz, What day thou buyest the sadeh of the hand of Naomi, thou must acquire Ruth the Moabitess, the eshet hamet ***(wife of the dead man)*** , lahakim ***(to raise up, resurrect)*** the shem hamet upon his nachalah ***(inheritance)*** . |

| | | |
|---|---|---|
| אויפֿצושטעלן דעם נאָמען פֿון דעם געשטאָרבענעם אויף זײַן נחלה. edit | | |
| RUT 4:6 האָט דער אויסלייזער {גוֹאֵל} געזאָגט: איך קען עס נישט אויסלייזן פֿאַר מיר, וואָרום איך וועל נאָך פֿאַרדאַרבן מײַן אייגענע נחלה. לייז דיר דו אויס וואָס איך דאַרף אויסלייזן, וואָרום איך קען נישט אויסלייזן. edit | RUT 4:6 hot der oisleizer gezogt: ich ken es nisht oisleizen far mir, vorem ich vel noch fardorben main eigene nachle. leiz dir du ois vos ich darf oisleizen, vorem ich ken nisht oisleizen. | RUT 4:6 And the Go'el said, I cannot redeem it for myself, lest I mar mine own nachalah; redeem thou my right to thyself; for I cannot redeem it. |
| RUT 4:7 און אַזוי איז געווען פֿאַרצײַטן אין יִשְׂרָאֵל: בײַ אַן אויסלייז אָדער בײַ אַן אויסבײַט, צו באַפֿעסטיקן עפּעס אַ זאַך, האָט איינער אַראָפּגעצויגן זײַן שוך און געגעבן דעם אַנדערן. און דאָס איז געווען צום עדות אין יִשְׂרָאֵל. edit | RUT 4:7 un azoi iz geven fartsaiten in Yisroel: bai an oisleiz oder bai an oisbait, tsu bafestiken epes a zach, hot einer aropgetsoigen zain shuch un gegeben dem anderen. un dos iz geven tsum eides in Yisroel. | RUT 4:7 Now this was the manner in former time in Yisroel concerning the geulah ***(redemption)*** and concerning the temurah ***(the substitute, exchange)*** , for to confirm all things; a man plucked off his sandal, and gave it to his neighbor; and this was an attestation in Yisroel. |
| RUT 4:8 האָט דער אויסלייזער {גוֹאֵל} געזאָגט צו בוֹעַזן: קויף עס דיר. און ער האָט אַראָפּגעצויגן זײַן שוך. edit | RUT 4:8 hot der oisleizer gezogt tsu Boazen: koif es dir. un er hot aropgetsoigen zain shuch. | RUT 4:8 Therefore the Go'el said unto Boaz, Buy it for thee. So he drew off his sandal. |
| RUT 4:9 און בוֹעַז האָט געזאָגט צו די עלטסטע, און צו דעם | RUT 4:9 un Boaz hot gezogt tsu di eltste, un tsu dem gantsen folk: ir zeit eides haint, az ich hob | RUT 4:9 And Boaz said unto the zekenim, and unto kol haAm, Ye are witnesses this day, that I |

| | | |
|---|---|---|
| גאַנצן פֿאָלק: איר זייַט עדות הייַנט, אַז איך האָב אָפּגעקויפֿט אַלץ וואָס האָט געהערט צו אֶלימֶלֶכן, און אַלץ וואָס האָט געהערט צו כִּליוֹנען און מַחלוֹנען, פֿון נָעמיס האַנט. edit | opgekoift alts vos hot gehert tsu Elimelechen, un alts vos hot gehert tsu Kilyonen un Machlonen, fun Naomis hant. | have bought all that was Elimelech’s, and all that was Kilyon’s and Machlon’s, of the hand of Naomi. |
| RUT 4:10 און אויך רוּת די מוֹאָבֿערין, מַחלוֹנס ווייַב, האָב איך געקויפֿט מיר פֿאַר אַ ווייַב, כּדי אויפֿצושטעלן דעם נאָמען פֿון דעם געשטאָרבענעם אויף זייַן נחלה, אַז דער נאָמען פֿון דעם געשטאָרבענעם זאָל נישט פֿאַרשניטן {כרת} ווערן פֿון צווישן זייַנע ברידער, און פֿון דעם טויער פֿון זייַן אָרט; איר זייַט עדות הייַנט. edit | RUT 4:10 un oich Rute di mooverin, Machlons vaib, hob ich gekoift mir far a vaib, kedei oiftsushtelen dem nomen fun dem geshtorbenem oif zain nachle, az der nomen fun dem geshtorbenem zol nisht farshniten veren fun tsvishen zaine brider, un fun dem toier fun zain ort; ir zeit eides haint. | RUT 4:10 Moreover Ruth the Moabitess, the wife of Machlon, have I purchased to be my wife, lahakim ***(to raise up, resurrect)*** the shem hamet ***(name of the dead man)*** upon his nachalah, that the shem of the dead man be not cut off from among his brethren, and from the sha'ar of his place; ye are edim ***(witnesses)*** HaYom. |
| RUT 4:11 האָט געזאָגט דאָס גאַנצע פֿאָלק וואָס אין טויער, און די עלטסטע: עדות! ה׳ זאָל געבן אַז די ווייַב וואָס קומט אָן אין דייַן הויז, זאָל זייַן אַזוי ווי רחל און אַזוי ווי לאה וואָס זיי ביידע האָבן אויפֿגעבויט דאָס הויז פֿון | RUT 4:11 hot gezogt dos gantse folk vos in toier, un di eltste: eides! Hashem zol geben az di vaib vos kumt on in dain hoiz, zol zain azoi vi Rachel un azoi vi Leah vos zei beide hoben oifgeboit dos hoiz fun Yisroel! un tu oif heldishkeit in Ephratah, un hob a barufenem nomen in Beit-Lechem! | RUT 4:11 And kol HaAm that were in the sha'ar, and the zekenim, said, We are edim. HASHEM make the isha haba'ah ***(the woman coming)*** , into thine bais like Rachel and like Leah, which two did build the Bais Yisroel; and do thou worthily in Ephrat, and be famous in Beit-Lechem; |

| | | |
|---|---|---|
| יִשׂרָאֵל! און טו אויף העלדישקייט אין אֶפרָת, און האָב אַ באַרופֿענעם נאָמען אין בֵית-לֶחֶם! edit | | |
| RUT 4:12 און דײַן הויז זאָל זײַן אַזוי ווי דאָס הויז פֿון פֶּרֶצן וואָס תָּמָר האָט געבאָרן יהוּדהן, פֿון דעם זאָמען וואָס ה׳ וועט דיר געבן פֿון דער דאָזיקער יונגער פֿרוי! edit | RUT 4:12 un dain hoiz zol zain azoi vi dos hoiz fun Peretzen vos Tamar hot geboren Yehudahen, fun dem zomen vos Hashem vet dir geben fun der doziker yunger froi! | RUT 4:12 And let thy bais be like the bais of Peretz, whom Tamar bore unto Yehudah, of the zera which HASHEM shall give thee of this na'arah. |
| RUT 4:13 און בוֹעַז האָט גענומען רותן, און זי איז אים געוואָרן פֿאַר אַ ווײַב, און ער איז צו איר געקומען, און ה׳ האָט איר געגעבן טראָגשאַפֿט, און זי האָט געבאָרן אַ זון. edit | RUT 4:13 un Boaz hot genumen Ruthen, un zi iz im gevoren far a vaib, un er iz tsu ir gekumen, un Hashem hot ir gegeben trogshaft, un zi hot geboren a zun. | RUT 4:13 So Boaz took Ruth, and she was his isha; and when he went in unto her, HASHEM gave her conception, and she bore ben. |
| RUT 4:14 האָבן די ווײַבער געזאָגט צו נָעמִין: ברוך ה׳ וואָס ער האָט דיך הײַנט נישט געלאָזן אָן אַן אויסלייזער {גּוֹאֵל} , און זאָל זײַן נאָמען זײַן באַרופֿן אין יִשׂרָאֵל! edit | RUT 4:14 hoben di vaiber gezogt tsu Naomien: Baruch Hashem vos er hot dich haint nisht gelozen on an oisleizer , un zol zain nomen zain barufen in Yisroel! | RUT 4:14 And the nashim said unto Naomi, Baruch HASHEM , which hath not left thee this yom without a Go'el. May shmo be famous in Yisroel. |
| RUT 4:15 און ער זאָל דיר זײַן פֿאַר אַ דערקוויקער פֿון דער זעל, און אויף אויסצוהאַלטן דײַן עלטער וואָרום דײַן שנור וואָס | RUT 4:15 un er zol dir zain far a derkviker fun der zel, un oif oistsuhalten dain elter vorem dain shnur vos hot dich lib, hot im geboren, vos zi iz dir beser vi ziben zin. | RUT 4:15 And may he restore your nefesh and be a nourisher of thine old age; for thy kallah, which loveth thee, which is better to thee than shiva banim, hath born him. |

| | | |
|---|---|---|
| האָט דיך ליב, האָט אים געבאָרן, וואָס זי איז דיר בעסער ווי זיבן זין. edit | | |
| RUT 4:16 און נָעמי האָט גענומען דאָס קינד, און האָט עס אַרייַנגעטאָן אין איר בוזעם, און זי איז אים געווען פֿאַר אַ דערציערין. edit | RUT 4:16 un Naomi hot genumen dos kind, un hot es araingeton in ir buzem, un zi iz im geven far a dertsierin. | RUT 4:16 And Naomi took the yeled, and laid him in her kheyk ***(bosom)*** , and became omenet ***(nurse)*** unto it. |
| RUT 4:17 און די שכנות האָבן אים געגעבן אַ נאָמען, אַזוי צו זאָגן: אַ זון איז געבאָרן געוואָרן ביי נָעמִין; און זיי האָבן גערופֿן זיין נאָמען עוֹבֵד. דאָס איז דער פֿאָטער פֿון יִשַי דעם פֿאָטער פֿון דָוִדן. edit | RUT 4:17 un di shcheines hoben im gegeben a nomen, azoi tsu zogen: a zun iz geboren gevoren bai Naomien; un zei hoben gerufen zain nomen Oved. dos iz der foter fun Yishai dem foter fun Doviden. | RUT 4:17 And the women her shchenim gave him a name, saying, There is a ben born to Naomi; and they called his name Oved; he is the father of Yishai, the father of Dovid. |
| RUT 4:18 און דאָס זיינען די געבורטן פֿון פֶּרֶצן: פֶּרֶץ האָט געבאָרן חֶצרוֹנען; edit | RUT 4:18 un dos zainen di geburten fun Peretzen: Peretz hot geboren Chetzronen; | RUT 4:18 Now these are the toldot of Peretz; Peretz fathered Chetzron, |
| RUT 4:19 און חֶצרוֹן האָט געבאָרן רָמען, און רָם האָט געבאָרן עַמינָדָבֿן; edit | RUT 4:19 un Chetzron hot geboren Ramen, un Ram hot geboren Amminadaven; | RUT 4:19 And Chetzron fathered Ram, and Ram fathered Amminadav, |
| RUT 4:20 און עַמינָדָבֿ האָט געבאָרן נַחשוֹנען, און נַחשוֹן האָט געבאָרן שַׂלמָהן; edit | RUT 4:20 un Amminadav hot geboren Nachshonen, un Nachshon hot geboren Salmonen; | RUT 4:20 And Amminadav fathered Nachshon, and Nachshon fathered Salmon, |
| RUT 4:21 און שַׂלמוֹן האָט געבאָרן בוֹעַזן, און בוֹעַז האָט געבאָרן | RUT 4:21 un Salmon hot geboren Boazen, un Boaz hot geboren | RUT 4:21 And Salmon fathered Boaz, and Boaz fathered Oved, |

| | | |
|---|---|---|
| עוֹבֿדן; edit | Avdon; | |
| RUT 4:22 און עוֹבֿד האָט געבאָרן יִשַין, און יִשַי האָט געבאָרן דָוִדן . edit | RUT 4:22 un Oved hot geboren Yishaien, un Yishai hot geboren Doviden . | RUT 4:22 And Oved fathered Yishai, and Yishai fathered Dovid. |